(1955)

## צו די לייענערס פֿון ייִדישע שפּראַך

מיט דעם נומער פֿאַרענדיקט זיך דער 15טער יאָרגאַנג פֿון ייִדישע שפּראַך. אונדזער זשורנאַל איז באַשערט אריכת ימים און אַ גרעסערער מאָס ווי אַלע פֿריִערדיקע אויסגאַבעס פֿון דעם מין. מיר האָבן עס צו פֿאַרדאַנקען אין אַ היפּשער מאָס אײַך, די געטרײַע לייענערס, די שטענדיקע אַבאָנענטן פֿון דעם זשורנאַל.

בעטן מיר אײַך בײַם אָנהייב פֿון דעם 16טן יאָרגאַנג אַרויס־צווײַזן נאָך מער געטרײַשאַפֿט דעם זשורנאַל און מיטצוהעלפֿן אַז די צאָל אַבאָנענטן זאָל קאָנטיק פֿאַרגרעסערט ווערן.

לייגט ניט אָפּ און אַבאָנירט זיך גלײַך אויף ייִדישע שפּראַך. דאָס אַבאָנעמענט־געלט איז צוויי דאָלאַר אַ יאָר און איז מחוץ אײַער בײַשטײַערונג פֿאַרן ייִוואָ. זײַט אַזוי פֿרײַנדלעך, שיקט גלײַך אַרײַן די צוויי דאָלאַר, מע זאָל אײַך נישט דאַרפֿן דער־מאָנען און מע זאָל נישט דאַרפֿן מאָנען פֿון אײַך. נאָך וויכטיקער: רעדט מיט אײַערע פֿרײַנד און זעט אַז זיי זאָלן ווערן אַבאָנענטן פֿון ייִדישע שפּראַך. אונדזער זשורנאַל נייטיקט זיך אין אַ סך מער לייענערס ווי מיר האָבן איצט. העלפֿט פֿאַרשפּרייטן ייִדישע שפּראַך! העלפֿט צו קריגן נאָך אַבאָנענטן! העלפֿט מיט אַז ייִדישע שפּראַך זאָל קענען אַרויסגיין במשך פֿון אַ סך יאָרן!

רעדאַקציע

דאָס אַחריות פֿאַר די וויסנשאַפֿטלעכע שטאַנדפּונקטן וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ טראָגן די מחברים גופֿא

## וועגן פֿילטראַפּיקן גראַם

### פֿון אוריאל ווײַנרײַך

אין אַ יסודיקער אַרבעט „וועגן פֿרײַע ריטמען אין דער ייִדישער פּאָעזיע"[1] האָט דער יונגער ייִדישער דיכטער און געלערנטער, בנימין הרושאָווסקי פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, באַוויזן ווי אַזוי די מאָדערנע ייִדישע פּאָעזיע האָט געגעבן אַ קינסטלערישע פֿאַרקערפּערונג דער ריטמישער ספּע־ציפֿישקייט פֿון גערעדטן ייִדישן לשון. אויך אין אירע ווערטער־פֿורעמונגען, ווייסן מיר, האָט אונדזער דיכטונג אויסגענוצט אין דער פֿולער מאָס די מיג־לעכקייטן פֿון לעקסיקאַלישער אַליין־באַרײַכערונג וואָס ייִדיש פֿאַרמאָגט.[2] און אַפֿילו אין די גראַמען האָבן ייִדישע פּאָעטן אָנגעטאָפּט סטרוקטורעלע תּוך־פֿאַקטן פֿון דער שפּראַך, סײַ בײַם ממשיך זײַן די עלטערע טראַדיציע און סײַ בײַם צופּאַסן אויף ייִדיש פֿרישע פֿורעמס פֿון דרויסן. די פּראָבלעם גראַם האָב איך געפּרוווט אַרײַנפֿלעכטן אין הרושאָווסקיס ברייטער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿטלע־כער סכעמע אויף אַן אַנדער אָרט.[3]

אין יענעם אַרטיקל בין איך געקומען צו אָט וואָסערע אויספֿירן. די ייִדישע גראַם־מיגלעכקייטן האָבן זיך שטאַרק פֿאַרגרעסערט אַ דאַנק דער געשמעלץ־געשיכטע פֿון דער שפּראַך. — שוין עטלעכע הונדערט יאָר ווי עס איז אָנגענומען צו גראַמען העברעיִזמען אין זייער פֿאַרייִדישטער, ניט תּחילתדיקער העברעיִשער פֿאָרמע — ייִדיש האָט דורך זײַנע קלאַנגען־אַנטוויקלונגען צוגעוווּנען נײַע מיגלעכע גראַמווערטער לגבי דײַטש. — אַ סך טיפּן ווערטער וואָס אין דײַטש לאָזן זיי זיך נאָר מיט שוועריקייטן ניצן אין גראַמען טויגן אין ייִדיש דווקא אויסגעצייכנט צום גראַם. — אין דעם צונויפֿגעזעצטן גראַם (צוויי ווערטער געגראַמט מיט איינעם) זײַנען פֿאַראַן אין ייִדיש צוויי שיכטן: אַ קאַלאַמבורישער, בעיקר אין משלים, און אַן ערנצטער. — דער צופֿלאָס פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען אין מאָדערנעם ייִדיש האָט געשאַפֿן צום טייל נאָך ניט פֿאַרענטפֿערטע גראַמפּראָבלעמען. — „פּאָעטישע עטימאָלאָגיעס" דורכן קלאַנגמיטל פֿון אַזוי גערופֿענעם „קאָנסאָנאַנס" האָבן אין ייִדיש אַ באַזונדערן חן ווײַל זיי שאַפֿן איבער אַ תּנכישן עפֿעקט אין אַ נײַעם ייִדישן מעדיום. —

---

[1] Benjamin Hrushovski, "On Free Rhythms in Modern Yiddish Poetry," *The Field of Yiddish: Studies in Yiddish Language, Folklore and Literature, Published on the Occasion of the Bicentennial of Columbia University*, ed. Uriel Weinreich, New York, 1954, pp. 219-266.

[2] פֿ"גל למשל דעם רײַכן מאַטעריאַל בײַ יודל מאַרק, „וואָרטשאַפֿונג אין ה. לייוויקס לידער", ייִדישע שפּראַך XIV (1954), ז' 1—17.

[3] Uriel Weinreich, "On the Cultural History of Yiddish Rime," *The Historic Quest: Essays in Jewish History and Related Subjects Presented to Salo W. Baron in Honor of His Sixtieth Birthday by His Former Students*, Glencoe, Ill., 1956.

אין דער אויסמײַדונג פֿון דיאַלעקטיש באַגרענעצטע גראַמען איז בולט די כּמעט אין גאַנצן דורכגעפֿירטע נאָרמאַליזירונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער אויסשפּראַך. — דאָס ייִדישע וואָרט גראַם האָט אַ פֿאַרהוילענע געשיכטע סײַ אין זײַן אַנדערשקייט לגבי דײַטש, סײַ אין די פֿאָרמעס אין וועלכע עס באַווײַזט זיך אין די ייִדישע דיאַלעקטן. — אין דער מאָדערנער תּקופֿה האָט די ייִדישע פּאָעזיע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, מיטגעמאַכט די קריטיק פֿון גראַם, פֿון זײַן נייטיקייט און זײַנע פֿונקציעס.

אין דעם איצטיקן אַרטיקל שטעל איך זיך אָפּ אַ ביסל באַריכות אויפֿן פּ י ל ט ר אַ פּ י ק ן גראַם. מיט דעם טערמין פֿאַרשטיי איך גראַמען וואָס האַלטן מער ווי איין טראַף, למשל גייער: אייער, בעסערע: גרעסערע. וועגן אײנטראַפּיקע גראַמען (אַ שטייגער שטאָט: טראָט) וועל איך דאָ ניט ריידן. אויך באַוואָרן איך זיך, אַז מײַן כּוונה איז ניט קיין קריטישע, און אַז איך נעם זיך אַפֿילו ניט אונטער צו כאַראַקטעריזירן באַזונדערע מחברים. איך בין אויסן אַרויסצוהייבן געוויסע ט י פּ ן ג ר אַ מ ע ן אויפֿן סמך פֿון בײַשפּילן פֿון פֿאַרשיידענע פּאָעטן.

## די באַזײַטיקונג פֿון בײַטראָפּ

אין אַ שפּראַך וואָס פֿאַרמאָגט נאָר צוויי מיני טראַפֿן, אַקצענטירטע און ניט־אַקצענטירטע, איז די ריטמישע סטרוקטור פֿון גראַם אַ קלאָרע און אַן אײנטײַטשיקע. (אין די ווײַטערדיקע בײַשפּילן באַצייכן איך דעם אַקצענטירטן טראַף מיט אַ טאָפּעלן אַקצענט־צייכן.) פֿאַלט דער טראָפּ אויפֿן לעצטן טראַף, איז דאָס וואָרט אַ „מענלעך" גראַמוואָרט, למשל ראָד: י־טוד" (יי־סאָד"): קאַ־ראַ־האָד". פֿאַלט דער טראָפּ אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף, איז דאָס וואָרט אַ „ווײַבלעך" גראַמוואָרט, למשל אי"בער: דע־רי"בער. פֿאַלט ער אויפֿן דריטן טראַף פֿון סוף, איז עס אַ „דאַקטיליש" גראַמוואָרט, אַ שטייגער ראַ"טע־ווען: קאַ"טע־ווען. עס מאַכן זיך אַפֿילו „היפּערדאַקטילישע" גראַמווערטער ווו דער טראָפּ פֿאַלט אויפֿן פֿערטן טראַף פֿון סוף (שפּע"טער־די־קע: בלע"טער־די־קע).

די זעלביקע שפּראַך קען אָבער אויך האָבן האַלב אַקצענטירטע טראַפֿן; זיי ווערן אַרויסגערעדט ניט אַזוי שטאַרק ווי די טראַפֿן מיטן טראָפּ, אָבער שטאַרקער ווי די טראַפֿן אָן אַ טראָפּ. לאָמיר די האַלב אַקצענטירטע באַצייכענען מיט אַן אײנציקן אַקצענט־צייכן: ראָד"יאָ־אַ־פּאַ־ראַט', מ"צה־פּאָד־ראַד', על"טע־רן־קאָ־מי־טעט'. דעם טיפּ האַלבע שטאַרקייט קענען מיר אָנרופֿן סעקונדערער טראָפּ אָדער בײַטראָפּ.

אין שפּראַכן וואָס האָבן אַ בײַטראָפּ פֿרעגט זיך אַ קשיא, ווי אַזוי זאָל מען ווערטער מיטן בײַטראָפּ באַהאַנדלען אין גראַם. אויב מען באַטראַכט דעם בײַטראָפּ אין קײַ"אָר־גאַן' ווי אַ טראָפּ, איז דאָס וואָרט אַ מענלעך גראַמוואָרט און לאָזט זיך גראַמען מיט אַנדערע ווערטער אויף ־אַן": אָ־רע־מאַן", באַ־לאַ־גאַן", אאַז"וו. אויב אָבער מען פֿאַררעכנט ניט דעם בײַטראָפּ פֿאַר קיין טראָפּ, דעמאָלט איז אַ וואָרט ווי קײַ"אָר־גאַן' אַ דאַקטיליש און לאָזט זיך גראַמען נאָר מיט אַנדערע ווערטער וואָס לאָזן זיך אויס אויף ־ײַ"אָר־גאַן (לאָמיר זאָגן, מיט שפּײַ"אָר־גאַן).



וואָס טוט די ייִדישע פּאָעזיע?

(א) קיין בײַטראָפּ אויפֿן טראַף בשכנות מיטן הויפּטטראָפּ ווערט ניט אָנערקענט.[4] אַזעלכע ווערטער ווי אומ"רו, הײַ"יאָר ווערן באַהאַנדלט ווי רייִנע ווײַבלעכע גראַמווערטער. פֿאַרגלײַכן אַזעלכע גראַמען ווי אומרו: חומרא (ל"פּ[5] 35), גאַסטהויז: קאָסטעס (ל 195), אָנזאָג: בראָנדזיק (ל"פּ 28), ים־ביל: סטאַמבול (מק 142), הײַ־יאָר: שטײַער (גר 171), גאָטזאַך: האָט זיך (י 81), פֿאַרבײַגיי: דאגה (שט 258). הגם די ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן שטימען דאָ ניט פּינקטלעך, איז אָבער כאַראַקטעריסטיש אַז די ווערטער ווערן פֿרײַ באַנוצט אין ווײַבלעכע גראַמען. דאָס איז ספּעציפֿיש ייִדיש לגבי דײַטש; דאָרטן האָבן אַזעלכע ווערטער ווי ‚Eng"land‘, ‚Frei"heit‘ אַ בפֿירושן בײַטראָפּ און לאָזן זיך ניט פֿרײַ ניצן אין ווײַבלעכע גראַמען.[6]

די אַלטע ייִדישע פּאָעזיע האָט זיך געפֿירט אַנדערש ווי די הײַנטיקע. אין דעם „משל פֿון קראַנקן לייב"[7] פֿון יאָר 1382 געפֿינען מיר אַזוינע גראַמען ווי שלעכט: אונ"רעכט' (שש' 29־30; די טראָפּצייכנס האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, צוגעשטעלט אַליין; גוט: או"מוט' (שש' 41־42); אין שמואל־בוך (XIV י"ה?) לייענען מיר: קראַפֿט: הער"שאַפֿט', און אַפֿילו שטער"קער': בי־גער" (ד"ה „באַגער"; באָסין I 127, סטר' ד). אין בבֿא־בוך (1507) גראַמט אליהו בחור אום" קירט': גי־אירט" („געערט"; סטר' 47), גי־שאַך": אָן" זאַך' (סטר' 102), און אַפֿילו הער: זול"נער' („זעלנער", סטר' 435). אין מגילת־ווינץ (1616?) ווידער דאָס אייגענע: ענד: אי"לענד' (ד"ה „עלנט"; סטר' מג). אַ סבֿרא אַז דער בײַטראָפּ איז אין ייִדיש ביזן XVII י"ה געווען שטאַרקער איידער הײַנט, און

[4] Cf. Uriel Weinreich, "Stress and Word Structure in Yiddish," *The Field of Yiddish*, pp. 1-27, p. 5, §4.3, 2a.

[5] איך ציטיר לויט אָט וואָסער שליסל: ב I, באָסין I = מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, פֿינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע, נ"י, 1917, ב' I; בר = משה בראָדערזאָן, פּערל אויפֿן ברוק, לאָדזש, 1920; גל"דטש = יעקבֿ גלאַטשטיין, דעם טאַטנס שאָטן, נ"י 1953; גל"שי = יעקבֿ גלאַטשטיין, שטראַלנדיקע ייִדן, נ"י, 1946; ג"מ = ס. מ. גינזבורג און פּ. ס. מאַרעק, יעווריסקיע נאַראָדניע פּיעסני, פּעטערבורג, 1901; גר = חיים גראַדע, שײַן פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן, ב"א, 1950; גר"מ = חיים גראַדע, דער מאַמעס צוואה, נ"י, 1949; כּהן II = י.־ל. כּהן, ייִדישע פֿאָלקסלידער, נ"י, 1912, ב' II; ל = אַ. לעיעלעס, אַ ייִד אויפֿן ים, נ"י, 1947; ל"פּ = אַ. לעיעלעס, פֿאַניע, נ"י, 1955; ל"פּל = אַ. לעיעלעס, פֿאַביוס לינד, נ"י, 1937; לק I = ה. לייוויק, אַלע ווערק, ב' I, נ"י, 1940; מק = פּרץ מאַרקיש, סתּם, וואַרשע, $^{3}$1922; נ"לאַ = לייב נײַדוס, ליטווישע אַראַבעסקן, וואַרשע, 1924; ס = אַבֿרהם סוצקעווער, אין פֿײַער־וואָגן, תּל־אָבֿיבֿ, 1952; ס"וו = אַבֿרהם סוצקעווער, וואַלדיקס, ווילנע, 1940; ס"יג = אַבֿרהם סוצקעווער, ייִדישע גאַס, נ"י, 1948; ע = שלמה עטינגערס כּתבֿים, ווילנע, 1925; פּרץ = י.־ל. פּרץ, אַלע ווערק, נ"י (ציקאָ), 1947, ב' I; ק II = משה קולבאַק, אַלע ווערק, ווילנע, 1929, ב' II; שט = אליעזר שטיינבאַרג, משלים, בוקאַרעשט, $^{2}$1935; שטיף = נ. שטיף, די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור, קיִעוו, 1929.

[6] Cf. J. Minor, *Neuhochdeutsche Metrik*, Strassburg, $^{2}$1902, pp. 400f.

[7] צו ערשט פּובליקירט פֿון:

L. Fuks, "The Oldest Literary Works in Yiddish in a Manuscript of the Cambridge University Library," *Journal of Jewish Studies* IV (1953), pp. 176-181.

ערשט אונטער דער השפּעה פֿון די סלאַווישע שפּראַכן איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן (ווי עס איז משער הרושאָווסקי, דצ״ו, זז׳ 240 א״וו) אַזוי שטאַרק אַז ער טויג מער ניט ווי אַ יסוד פֿאַר אַ גראַם. עס איז אָבער אויך מיגלעך, אַז דער בײַטראָפּ איז אין ייִדיש אָפּגעשוואַכט געוואָרן נאָך פֿריִער, מערניט וואָס אַ קאָנסערוואַטיווע פּאָעטישע טראַדיציע, אָנגעשפּאַרט אויף דײַטשע דוגמאות, האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דעם אַלטן שטייגער גראַמען אויפֿן בײַטראָפּ. נאָך בײַ די „פֿאָלקסדיכטערס" פֿון XIX י״ה געפֿינען מיר רעשטלעך פֿון דעם אַלטן גראַם־אופֿן. בערל בראָדער גראַמט וואַר־טאָוו״ניק׳: שטיק (ב I 153), פּאַס״טעך׳: פֿרייט" זיך׳ (ד״ה זעך׳; שטיף 201). וועלוול זבאַרזשער גראַמט (דיאַלעקטיש) אָנ״קוקט׳: פֿאַר־ריקט" (ב I 158). צי איז דאָס אַן אַלט רעשטל אָדער פּשוט דער רעזולטאַט פֿון טעכנישער אומבאַהאָלפֿנקייט — תּיקו, בלײַבט אַ קשיא.

אַזאַ גראַם ווי לייוויקס הער״נער: סאַ״דער־נער (southerner; לק II 273) איז בײַ הײַנטיקן טאָג אַ זעלטנקייט. (דער פּאָעט איז דאָ אויסן געווען אַ ספּע־ציעלן עפֿעקט.) גלאַטשטיינס גראַם בראַצ״־לאַ־ווער: ח״בֿר (דט״ש 151) איז אויך אומגעוויינטלעך און דאַרף גיכער באַטראַכט ווערן ווי אַ ניט־פֿאָרמאַליזיר־טער קלאַנגעכאָ, אַ מאָדערניסטישער „שוואַכער" גראַם, איידער אַ גראַם ממש.

אַ גאַנצע קאַטעגאָריע ווערטער וואָס גראַמען זיך שווער אין הײַנטיקן ייִדיש זײַנען ווערבן מיט איינטראַפֿיקע אָפּטיילעוודיקע צוגאָבן.[8] פֿאַר דער הײַנטיקער שפּראַך זײַנען אַזעלכע ווערבן ווי צו״דע־קן, אויפֿ״ווע־קן, אַ־וועק״פֿאָ־רן בפֿירוש דאַקטילישע ווערטער.[9] אין דײַטש אָבער, ווי אויך אין עלטערן ייִדיש, ווערט אַ בײַטראָפּ אויפֿן ערשטן טראַף פֿון שורש אויסגעניצט ווי אַ באַזיס פֿאַר אַ גראַם. אין בבֿא־בוך לייענען מיר אָן" טראָ׳גן: אָב״שלאָ׳גן: זאָ״גן (סטר׳ 164). שלמה עטינגער גראַמט דער־טאָ״פּן: אויס״קלאַ׳פּן (ע 115), מיכל גאָרדאָן שרײַבט אויס״לע׳בן: מיט״גע׳בן (שטיף 162), גן־ע״דן: אויס״ריי׳דן (שטיף 166). גאָלדפֿאַדן פֿאָרט נאָך אײַנ״ריי׳דן: פֿריי״דן (שטיף 271). עס איז טשיקאַווע, אַז דווקא דאָס פֿאָלקסליד, וואָס האָט זיך אין אַ סך פּרטים פֿרי צוגעפּאַסט צו דער אַקצענטיקער ספּעציפֿישקייט פֿון ייִדיש, איז גראָד אויף דעם פּונקט געבליבן קאָנסערוואַטיוו; דערמאָנט זיך דעם גראַם:

דער טוי פֿון הימל וועט מיך צו״דע׳קן,
די פֿייגעלעך וועלן מיך אויפֿ״וועקן.

פֿ״גל אויך אין גינזבורגס און מאַרעקס זאַמלונג: פֿאַר־לי״רן: אַ־רײַנ״פֿי״רן

---

[8] געניער: מיט ווערבאַלע צוגאָבן ווו דער אַקצענט איז אויפֿן לעצטן (אָדער איינציקן) טראַף פֿון צוגאָב, למשל אויפֿ־, אַרויפֿ־, צונויפֿ־, אָבער ניט איבער־, צוזאַמען־, אאַז״וו.

[9] ווערבן מיט מערטראַפֿיקע צוגאָבן ווי איבער־, אונטער־ א״אַ רופֿן ווידער אַרויס אַנדערע מעטרישע פּראָבלעמען. עס איז ניט מיגלעך, למשל, זיי צו ניצן אין אַ שטרענגן דרײַיִקן מעטער, און עס שאַפֿן זיך אַזעלכע מעטריש מגושמדיקע שורות ווי: „און ניט׳ אָפּגעטראָ׳טן פֿון קראַנ׳קנס געלע׳גער". אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פֿון גבֿול פֿון אונדזער אַרבעט.



(נומ׳ 45), אָפּ״שע׳רן: פֿאַר־שטע״רן (נומ׳ 47), אַ־וועק״וואַר׳פֿן: שאַר״פֿן (נומ׳ 29). דעריבער, ווען שטיינבאַרג גראַמט שמע״קן: אָפּ״לע׳קן (שט 13) אָדער ווען קולבאַק פֿאָרט פֿלי״ען: אויפֿ״בלי׳ען (ק II 191), זײַנען עס ניט קיין גאָר פֿינקטלעכע גראַמען, אָבער זיי לאָזן זיך יאָ אויפֿנעמען ווי אַ ווידערקול פֿון פֿאָלקסלידער.*

דורך דער באַזײַטיקונג פֿון בײַטראָפּ זײַנען די מיגלעכקייטן פֿון גראַמען צונויפֿגעזעצטע ווערבן אין ייִדיש אײַנגעענגט געוואָרן. צום דאַקטילישן גראַם אָפּ־לע־קן, למשל, איז פֿאַראַן אין ייִדיש נאָר איין גראַמפּאָר: אַ־ראָפּ״לע־קן (סײַדן מען זאָל נאָך אַרײַנרעכענען די צונויפֿגעזעצטע גראַמען קאָפּ לעקן, טאָפּ לעקן, א״אַ), בשעת צו אָפּ״לע׳קן ווי אַ ווײַבלעך גראַמוואָרט וואָלטן קיין פֿאָרן ניט געפֿעלט: עקן, וועקן, שטעקן, שמעקן אאַז״וו, מיט אַלע מיגלעכע ווערבאַלע צוגאָבן.

(ב) אַ בײַטראָפּ וואָס איז אויף צוויי טראָפֿן אָפּגערוקט פֿונעם הויפּטטראָפּ ווערט אָנערקענט נאָר אויב ער פֿאַלט אויף אַ שורש אין אַ צונויפֿהעפֿט, אָדער אויף איינעם פֿון אַ קליינער גרופּע סופֿיקסן.

אין הײַנטיקן ייִדיש, דוכט זיך מיר, זײַנען אַזעלכע ווערטער ווי קעל״בער־נע, איי״בי־קייט אַבסאָלוטע דאַקטילן; קיין בײַטראָפּ איז אין זיי ניטאָ. אין טייל אַנדערע גערמאַנישע שפּראַכן אָבער איז יאָ פֿאַראַן אַ נטיה צו שטעלן אַ ריטמישן בײַטראָפּ אַ טראַף איבער אַ טראַף, רעכענענדיק פֿונעם הויפּטטראָפּ. אויף דײַטש למשל רעכנט זיך אַז אין דעם וואָרט בע״טע־רע׳ שטייט דער הויפּטטראָפּ אויף בע, אָבער דער רע איז שטאַרקער פֿונעם מיטלסטן טע ווײַל ער קריגט דעם ריטמישן בײַטראָפּ. אמת, אַפֿילו די דײַטשע נאָרמאַטיווע פּאָ־עטיק קעמפֿט שוין עטלעכע הונדערט יאָר קעגן ניצן אַזאַ ריטמישן בײַטראָפּ ווי אַ יסוד פֿאַר אַ גראַם. מען טאָר ניט, טענהט זי, גראַמען פֿרע״די־גער׳: הער, הער: שלע״זי־ער׳, אד״גל.[10] קיין ריינע דאַקטילן זײַנען די ווערטער אָבער אויך ניט, אַזוי אַז עס איז כּמעט אוממיגלעך צו בויען גוטע דאַקטילישע גראַמען אין דײַטש. (אויף ענגליש האָבן דאַקטילישע גראַמען אַן ענלעך ביטער מזל, בשעת אויף ייִדיש — ווי אויף רוסיש — זײַנען זיי אין גאַנצן נאַטירלעך.) אויף ייִדיש איז קיין בײַטראָפּ אויף אַזעלכע סופֿיקסן ווי ־ער משמעות ניטאָ, און די סופֿיקסן קענען ווי קיין יסוד פֿאַר קיין גראַם הײַנט ניט דינען. אַזעלכע גראַמען פֿון XIX י״ה ווי בערל בראָדערס אַ־רײַנ״קו־מען׳: וואַ״רע־מען׳ (שטיף 202) קומען בײַ אונדז אויס משונהדיק. זיי זײַנען אפֿשר לכתּחילה אויס־גערעכנט געוואָרן אויף צום זינגען, מיט אַ מעלאָדישן אונטערשפּאַר פֿאַרן שוואַכן טראַף.

---

* מע וואָלט דאָ געדאַרפֿט — באַזונדערס ווען עס רעדט זיך וועגן פֿאָלקסלידער — נעמען אין באַטראַכט דעם חילוק צווישן די דיאַלעקטן בנוגע דער שטאַרקייט פֿון אַקצענט אויף די קאָנווערבן: אין ליטווישן דיאַלעקט איז דער אַקצענט אויף דעם קאָנווערב שטאַרקער, בולטער ווי אין די דרומדיקע דיאַלעקטן. דאָס איז אַ באַזונדערער ענין און צריך עיון. — רעד׳.

[10] י. מינאָר, דצ״ו, זז׳ 122, 400.

פֿאַראַן אַנדערע סופֿיקסן, וואָס זײַנען פֿאָנעטיש פּונקט אַזוי ניט־אַקצענטירט ווי די אויבן דערמאָנטע, אָבער בײַ זיי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַז מען מעג אויף זיי בויען גראַמען מחמת עס פֿאַלט אויף זיי אַ ריטמישער בײַטראָפּ. אַהער געהערן, ווײַזט אויס, ־קייט, ־שאַפֿט און עטלעכע אַנדערע. שוין אין פֿאָלקסליד זינגען מיר באַ־פֿרײַ״ט: קליי״ני־קייט׳ (ג״מ נומ׳ 40). עס וואָלט כּדאַי געווען אויסצופֿאָרשן צי די פֿאַרשיידנדיקע באַהאַנדלונג פֿון די פֿאַרשיידענע סופֿיקסן אין גראַם איז אַ ריין קאָנווענציאָנעלע, אָדער זי איז געבויט אויף אַן אמתן חילוק אין דער שטאַרקייט פֿון בײַטראָפּ.

אָן קיין שום איבערקלער ניצן ייִדישע דיכטערס דעם בײַטראָפּ ווי אַ גראַם־יסוד אויב ער פֿאַלט אויף אַ שורש אין אַ צונויפֿהעפֿט. פֿ״גל למשל בעט: טה״רה־ברעט׳ (לק ו 423), קינד: הויז״גע־זינד׳ (דאָרטן 643), קינד: שטו״רעם־ווינט׳ (דאָרטן גופֿא), לאָם: היט״לער־סם׳ (דאָרטן 645). אַפֿילו אויף אַ דריטיקן (טערציִערן) טראָפּ אין אַ צווייגאָרנדיקן צונויפֿהעפֿט קען מען בויען אַ גראַם: שבֿח: אָ״ונט־ווינ״טן־שפּראַך׳ (יהואָש, ב וו 55), טיף: ווונ״דער־מעשׂה־שיף׳ (בר 38). די גענויערע שײַכות צווישן דער אַקצענטן־סטרוקטור פֿון צונויפֿגעהעפֿטע ווערטער און דער פּראַקטיק פֿון אונדזערע פּאָעטן וואַרט נאָך אָבער מען זאָל זי אויספֿאָרשן.

אין פֿאַל ווו דער ניט־עקסיסטירנדיקער אָדער אונטערגעדריקטער בײַטראָפּ איז אויפֿגעלעבט געוואָרן ווי אַ קינסטלעך סטיליסטיש מיטל איז לעיעלעס נאָכשאַפֿונג פֿון דער רוסישער בילינע (פֿאָלקסעפּיק), וואָס דאָרטן טרעפֿן זיך אַזעלכע בײַטראָפּ־גראַמען אָפֿט. אַזוי „גראַמט״ לעיעלעס זאָ״טי־קער׳: מו״טי־קער׳, כמו״רי־קער׳: טרוי״רי־קער׳ (ל״פּל 105). אויף דעם ריטמישן עפֿעקט האָט שוין אָנגעוויזן הרושאָווסקי (דצ״ו, ז׳ 266).

## די אָפּשוואַכונג פֿון ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן

אין ייִדיש איז פֿאַראַן אַ טענדענץ אָפּצושוואַכן ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן אויף אַזוי פֿיל, אַז עס בלײַבט סתּם אַ וואָקאַל, אָבער וואָסערער — קען מען ניט תּמיד דערקענען.[11] אין גלות, אַרויסגערעדט [גאָלעס], שטאַמט דער ע־ענלעכער סתּם־וואָקאַל פֿון אַ געוועזענעם וּ־קלאַנג; אין נחת [נאַכעס] שטאַמט דער סתּם־וואָקאַל פֿון אַן אַ־קלאַנג; אין להכעיס [לעהאַכעס] שטאַמט ער פֿון אַ יִ־קלאַנג. די פֿראַגע איז נאָר, ווי ווײַט איז די אָפּשוואַך־טענדענץ אַוועק. בײַ די אָנגערופֿענע ווערטער איז קיין ספֿק ניטאָ אַז זיי האָבן שוין דערגרייכט די מדרגה פֿונעם סתּם־וואָקאַל, אַזוי אַז נחת גראַמט זיך אָן קיין חשש מיט להכעיס, און גלות מיט בהלות (ווו דער ניט־אַקצענטירטער סתּם־וואָקאַל שטאַמט גאָר פֿון אַן וי־קלאַנג). אין פֿאָלקסליד גראַמט זיך רשי [ראַשע]: קאַשע, חלום: הבֿל־הבֿלים [־האַוואָלעם], אד״גל (ג״מ נומ׳ 124).

---

[11] פֿ״גל וועגן איין דיאַלעקט אוריאל ווײַנרײַך, „די קלאַנגיקע סטרוקטור פֿון אַ פּאָדאָליער ריידעניש״, ייִדישע שפּראַך XIII (1953), זז׳ 121—131; זז׳ 124־125.



מאָדערנע ייִדישע דיכטערס, ווײַזט אויס, זײַנען נוטה אָנצונעמען וואָס מער אָפּשוואַכונגען פֿון ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן, ביז אַ פֿולשטענדיקן צונויפֿפֿאַל אין אַ סתּם־וואָקאַל. צום טייל גייען זיי דערין נאָך יענע דיאַלעקטן, ווו די אַנטוויקלונג איז אַוועק צום ווײַטסטן. אַ גראַם ווי חלש: מוזיקאַליש (ד״ה מוזיקאַלעש) שפּיגלט אָפּ די „פֿאָלקסטימלעכע״ אויסשפּראַך פֿון אַ ליטוואַק. אָבער ניט אַלע מאָל געפֿינט זיך אַ „פֿאָלקסטימלעכער״ יסוד פֿאַר דעם מין גראַם, און זיכער ניט תּמיד אין דעם דיכטערס אייגענעם דיאַלעקט. גיכער זײַנען זיך דיכטערס סומך אויף אַן עקסיסטירנדיקער טענדענץ און „אײַלן זי צו״ אויפֿן פּאַפּיר, ווײַל זי איז זיי באַקוועם: וואָס מער די ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן זײַנען פֿאַראיינהייטלעכט, אַלץ גרינגער צוצוקלײַבן צו זיי גראַמען. צי זאָגט טאַקע אַ ייִד דעם נבֿיאס אַזוי, אַז עס זאָל זיך גראַמען מיט טאָוועס? (אַזוי גראַמט לעיעלעס, ל 118). וועגן דעם דאַרף מען צונויפֿקלײַבן די פֿאַקטן. איך מיין אָבער, אַז אַפֿילו אויב קיינער זאָגט דערווײַל ניט אַזוי, וואָלט די שפּראַך סוף־כּל־סוף דערגאַנגען צו דעם אין איר נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.* דאָס איז, הייסט עס, ניט אַ פּאָעטס אַ קאַפּריז, נאָר אַ גאַנג בײַ די דיכטערס וואָס שטימט מיט דעם וועג פֿון דער ייִדישער היסטאָרישער פֿאָנעטיק; דער זעלביקער פֿאָנעטיק וואָס האָט געמאַכט פֿון מאָנטאָג — מאָנטיק, פֿון ווייטאָג — ווייטיק, פֿון [יאָמטאָוו] — [יאָנטעוו], אאַז״וו.

עס איז אינטערעסאַנט אַז אין דעם פּרט גייט זיך אונדזער פּאָעטישע פּראַקטיק פֿונאַנדער מיט די רעקאָמענדאַציעס וואָס מען מאַכט פֿאַר אַ קולטורעלן כּללישן אַרויסרייד.[12] אַז אָרטאָעפּיע זאָל זײַן קאָנסערוואַטיוו אַנטקעגן דער פֿאָלקסשפּראַך איז קיין וווּנדער ניט, און דער קרומער קוק אויף אויסשפּראַכן ווי [ייִדעש], [נאָוועע] איז ניט קיין צופֿאַל בײַ דעם ציטירטן רעקאָמענדירער; איך קען אַליין עדות זאָגן, אַז אין ווילנע איז אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה געווען ברייט פֿאַרשפּרייט דאָס געפֿיל, אַז [אידעש] איז פּראָסט אַנטקעגן [ייִדיש]. מערקווערדיק איז דאָס אַז די פּאָעזיע, וואָס בײַ לײַטן איז זי דער אמתער קאָנסערוואַטיווער כּוח אין דער אויסשפּראַך (די פֿראַנצייזישע פּאָעזיע איז גאָר אַ שם־דבֿר), איז אין ייִדיש אַזוי פּראָגרעסיוו און הערט זיך אַזוי גוט אײַן אין די „נידעריקע״ אופֿנים אַרויסרייד. די נייטיקייט פֿון גראַמען האָט זיכער דערצו צוגעהאָלפֿן.

דער איבערגאַנג פֿון אַ בולטן, פֿולן וואָקאַל אין אַ סתּם־וואָקאַל איז אַ סימן פֿון דער פֿאַרהיימישונג פֿון אַ וואָרט אין ייִדיש. אין טינטער, נפֿטר איז

---

* די נטיה וואָס מער אָפּצושוואַכן ניט־אַקצענטירטע וואָקאַלן ביזן פֿולשטענדיקן פֿאַרלירן די אייגנטלעכע פֿאַרב פֿון וואָקאַל איז ניט גלײַך אין די פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן. אַזאַ נטיה מוז אויך ניט תּמיד זיך פֿולקום דורכשלאָגן, וואָרעם עס ווירקט אויך די טענדענץ פֿון װעלן אויפֿהיטן מער פֿאַרשיידנקלאַנגיקייט, מער מוזיקאַלישקייט אין דעם לשון — בכל אופֿן בײַ די וואָס האָבן אַ קלאָרע ביודעימדיקע באַציִונג אין זייער אַרויסרייד. — רעד׳.

[12] זען די אַרבעט פֿון יודל מאַרק, „וועגן אַ כּללישן אַרויסרייד״, ייִדישע שפּראַך XI (1951), זז׳ 1—25.

שוין דער עלטער אָ פֿון לאַנג פֿאַרווישט, ווי עס איז אויסגעגליכן דער אַמאַ־ליקער ו אין האָסטע, גלות, פּאָסטעך, פֿאַרטעך. אַ סך אינטערנאַציאָנאַליזמען זײַנען אויך אַזוי פֿאַרהיימישט געוואָרן: אַטלעס (שטאָף) שוין פֿון לאַנג, און (געאָגראַפֿישער) אַטלאַס איז שוין אויך אויף אַ דרך (אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט מען טאַקע אויסגעגליכט אין בײדע פֿאַלן אַטלעס). אין מאַסן פֿאַרייִדישטע געאָ־גראַפֿישע נעמען איז ־אָ געוואָרן ־ע: מאָסקווע, אַמעריקע, קאַנאַדע, גראַנאַדע. נאָר מיט ־אָ איז אַ גרעסערער ספֿק: פֿ״גל די וואַקלעניש צווישן מעקסיקע און מעקסיקאָ; דאַכט זיך אַז עס זײַנען דערווײַל מכריע טאָלעדאָ, אָנטאַריאָ, טאָראָנטאָ (ווי ראַדיאָ).

ווען עס קומט אויס אַ דיכטער צו גראַמען נײַע ווערטער, ס׳רובֿ אינ־טערנאַציאָנאַליזמען, וואָס לאָזן זיך אויס מיט קלאַנגען־קאָמבינאַציעס וואָס זײַנען ניט פֿאַרפֿונדעוועט אין ייִדיש, האָט ער אַ ברירה: אָדער איזאָלירן די נײַע ווערטער דורך גראַמען זיי מיט אַנדערע נײַע ווערטער, אָדער „צואײַלן" זייער פֿאַרהיימישונג. לאָמיר נעמען למשל סאָלאָ. דער אויסלאַז ־אָלאָ איז פֿרעמדלעך אין ייִדיש און דאָס וואָרט וואָלט געבליבן פֿאַרפֿרעמדט דורך אַ גראַם מיט אַפּאָלאָ אַ שטייגער. אָבער גראַמען אויף ־אָלע זײַנען פֿאַראַן אַ שיעור. נעמט נײַדוס און גראַמט גלות: אַפּאָלאָס (נ״לאָ 255), און סוצקעווער גראַמט סאָלאָ: בהלה (ס״וו 11). דאָס זײַנען ניט קיין צופֿעליק אומגעניטע גראַמען, נאָר אומפּינקטלעכקייטן אין דער ריכטונג פֿון דער ייִדישער אַנטוויקל־ליניע. דעס גלײַכן ווען לעיעלעס גראַמט (ל 32) אַטילאַ: גאָרילע: קהילה, „אײַלט ער צו" די פֿאַרייִדישונג פֿון אַטילאַ אויף דעם וועג וואָס גאָרילע (ס׳שטאַמט דאָך פֿון גאָרילאַ!) האָט שוין דורכגעמאַכט מיט אַ סטאַדיע פֿריִער.

אַ מאָל איז דער אויסוועג אַן אַנדערער. ווען דאַכאַו איז אין די 30ער יאָרן געוואָרן פֿון אַ ווייניק באַקאַנטן דײַטשן אָרטנאָמען אַ ייִדישער באַגריף, האָט ער זיך ממילא באַוויזן אין דער פּאָעזיע, און לייוויק האָט אים געדאַרפֿט האָבן אין אַ גראַם־פּאָזיציע. ווו נעמט מען אָבער אַ ייִדיש גראַמוואָרט אויף ־אַכאַו? דער „פֿאַרייִדישנדיקער" גאַנג וואָלט געוועזן צוצואײַלן די אַנטוויקלונג און מאַכן פֿונעם וואָרט דאַכע; אָט איז דאָך „ברעסלאַו" געוואָרן אויף ייִדיש ברעסלע, און משה מענדעלסאָן איז אַ דעסער (פֿון „דעסאַו"). אויף ־אַכע וואָלטן שוין קיין גראַמען ניט געפֿעלט. לייוויקס אויסוועג איז אָבער געווען אַן אַנ־דערער: צו באַטראַכטן דאַ״כאַ־ו׳ ווי אַ דרײַטראַפֿיק וואָרט (אויך אין דער רוסישער פּאָעזיע פֿירט זיך אַגבֿ אַז דער פֿרעמדלעכער אַו־דיפֿטאָנג ווערט געציילט ווי צוויי טראַפֿן) און אויסניצן דעם בײַטראָפּ אויף ־ו׳ ווי אַ גראַם־יסוד: דאַ״כאַ־ו׳: צום חושך צו״: אין שטײַפֿער רו״ אאַז״וו (לק ו 577; אויף ז׳ 641 ווערט דאַכאַו באַהאַנדלט ווי דרײַטראַפֿיק אַפֿילו אין מיטן פֿון אַ שורה).

אין זעלטענע פֿאַלן מאַכט זיך אַז אַ פֿרעמדלעכער אינטערנאַציאָנאַליזם פּאַסט על־פּי צופֿאַל פּונקט צו אַן אײַנגעשטעלטער גראַמסכעמע. איין פֿאַל אַזאַ איז דאָס וואָרט עכאָ, וואָס פּאַסט צום העברעיִשן כּינוי פֿון דער צווייטער פּערזאָן לשון זכר אין דער מערצאָל: נײַדוס האָט דאָס באַמערקט און גראַמט עכאָ:



מה טובֿו אהליך („די ערד דערוואַכט"). אָבער דאָס איז באמת אַ גליקלעכער טראָף. דעם ־ויכאָ פֿון דעם קאָנסטרויִרטן פּסוק ואָהבֿת לרעך כּמוך מוז שוין סוצקעווער גראַמען אויף ־ויכע (הויכע; ס 66).

## פֿאַרטאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן

בײַ אַ ריי ייִדישע פּאָעטן געפֿינען מיר פֿילטראַפֿיקע גראַמען וואָס אַ פֿאַר־טאָפּלונג פֿון קאָנסאָנאַנטן ווערט אין זיי איגנאָרירט. שטיינבאַרג גראַמט (שט 94) צעקרייט זיך: רייצט זיך [־ייצעך: ־ייצצעך], מאַרקיש גיט אונדז (מק 142) בלאָזזאַק: גלאָזיק, סוצקעווער שרײַבט (ס״וו 42) אָננעמען: פֿאַרפֿנימען [־אָננעמען: ־אָנעמען]. די פֿאַלן זײַנען אפֿשר צו זעלטן אויף אויפֿצושטעלן אַ כּלל, אָבער אויך דאָ גייט מיט די פּאָעזיע מיט דער טענדענץ פֿון ייִדיש אָפּצושאַפֿן קאָנסאָ־נאַנטן־פֿאַרטאָפּלונגען (האַנטעך < האַנטטוך, אוירינגל < אוירדרינגל, אד״גל). אין דעם פֿאַל שטימט דער גאַנג פֿון די דיכטערס מיט די רעקאָמענדאַציעס פֿאַרן כּללישן אַרויסרייד.[13]

## קאָנסאָנאַנט פּלוס יאָט און פּאַלאַטאַליזירטע קאָנסאָנאַנטן

ס׳רובֿ ריידערס פֿון אַ קולטיווירטן כּלל־ייִדיש מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אַ קאָנסאָנאַנט פּלוס אַ יאָט און דעם זעלביקן קאָנסאָנאַנט אַ פּאַלאַטאַליזירטן: אַ וואָרט ווי שפּאַניע האָט אַ נ פּלוס אַ י, בשעת דער נאָמען פֿאַניע האָט נאָר אין קלאַנג צווישן דעם אַ און דעם ע, דהײַנו אַ פּאַלאַטאַליזירטן נ. ענלעך שיידן מיר אונטער צווישן (סים)פֿאַניע (נ+י) און פֿאַניע(־גנבֿ) (פּאַלאַטאַליזירטער נ). דער חילוק ווערט אויך רעקאָמענדירט פֿאַר דער כּלל־שפּראַך אין יודל מאַרקס ציטירטער אַרבעט, זז׳ 21־22, §20.

אין דער פֿאָלקסשפּראַך פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן איז אָבער זיכער פֿאַראַן אַ נטיה די צוויי טיפּן קלאַנגען אַרויסצורײדן ווי הײַנו־הך.[14] הגם אין דער כּלל־שפּראַך מעג דאָס קלינגען פּראָסטלעך אָדער פּראָווינציעל, איז דאָס בײַם פֿאַרהיימישן אינטערנאַציאָנאַליזמען אין גראַם אַ נסיון וואָס ווייניק פּאָעטן האָבן אים געקענט בײַשטיין — אַזוי באַקוועם איז די פֿאַראיינהייטלעכונג און אַזוי פֿאַרברייטערט זי די גראַם־מיגלעכקייטן. בײַ יהואָשן (אמת, אין אַ קאָמישן זשאַנער) געפֿינען מיר שטודיען: נודיען (י 48), ווו ד+י גראַמט זיך מיט אַ פּאַלאַטאַליזירטן ד. סוצקעווער, אין אַן ערנצטן ליד, גראַמט ליניע: (גיט זיך אַ) מיניע (ס 80). משה קולבאַק פּאָרט צונויף, זיכער מיט אַ ספּעציעלער שאָקיר־כּוונה, זײַן ליטווישע קליאַציע (פּאַלאַטאַליזירטער צ: קליאַטשע) מיט עקזאַלטאַציע (צ+י; ק וו 131).

ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן אַז אין נחום סטוטשקאָווס ייִדישן גראַמען־

---

[13] זען יודל מאַרקס אַרבעט (הערה 12), זז׳ 18־19, §10.

[14] פֿ״גל מײַן אַרבעט וועגן פּאָדאָליער ייִדיש (הערה 11), ז׳ 124, הערה 7.

לעקסיקאָן (נ״י 1931) — אַ פּיאָנעריש ווערק וואָס האָט זיך געשטעלט אויך נאָרמאַטיווע צילן — זײַנען די צוויי טיפּן גראַמסכעמעס קאָנסעקווענט פֿונאַנ־דערגעטיילט. אָבער די פּאָעזיע איז ניט געבליבן אַזוי קאָנסערוואַטיוו.

## דער צונויפֿגעזעצטער גראַם

אַ גראַם, דעפֿינירן מיר, באַשטייט פֿון צוויי אָדער מער **גראַמגלידער**. למשל, ווער: ער: בער איז אַ גראַם, וואָס זײַנע גראַמגלידער זײַנען ווער, ער און בער. אַ **צונויפֿגעזעצטער** גראַם איז אַזאַ וואָס לכל־הפּחות איינער פֿון די גראַמגלידער באַשטייט פֿון מער ווי איין וואָרט, למשל כאַראַקטער: באַקט ער, זאָגט זיי: יאָגט זיי. צונויפֿגעזעצטע גראַמען זײַנען אויף ייִדיש ממילא פּילטראַפּיקע, ווײַל מיר האָבן כּמעט ניט קיין ווערטער וואָס באַשטייען נאָר פֿון קאָנסאָנאַנטן.

די פּשוטסטע צונויפֿגעזעצטע גראַמען זײַנען יענע, אין וועלכע די פֿאָנע־טישע ענלעכקייט פֿון די גראַמגלידער איז אַן אַבסאָלוטע. די אָקערשט געבראַכטע בײַשפּילן געהערן אַהער. אַזעלכע פּשוט צונויפֿגעזעצטע גראַמען טרעפֿן מיר אין דער ייִדישער פּאָעזיע שוין אין XVI י״ה, אויב ניט פֿריִער, הגם זיי זײַנען הײַנט אפֿשר עפּטער ווי אַ מאָל.[15] טייל צונויפֿגעזעצטע גראַמען זײַנען אָבער קאָמפּליצירטער; אָדער דער סדר פֿון די ווערטער אין אַ זאַץ איז אַ געמאַטערטער, אָדער די פֿאָנעטישע פּאַראַלעלקייט צווישן די גראַמגלידער איז ניט קיין פּינקטלעכע. פֿון פֿאָנעטישן שטאַנדפּונקט לאָזן זיך די צונויפֿגעזעצטע גראַמען קלאַסיפֿיצירן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופֿן:

1. פֿולע פֿאָנעטישע מיטשטימונג צווישן דעם איינוואָרטיקן און דעם צווייווערטערדיקן גראַמגליד. פֿון אַלע צונויפֿגעזעצטע גראַמען איז דער טיפּ צום גרינגסטן דערלאָזלעך אין ערנצטער פּאָעזיע פֿון הויכן סטיל; זײַן ווירקונג איז אָבער געווענדט אין דער גרעסערער אָדער קלענערער נאַטירלעכקייט פֿונעם ווערטער־סדר.

(א) ער גראַמט זיך מיט ־ער וואָרט־אויס: גייט ער: באַגלייטער (גר 147), קלויסטער: הויזט ער (שט 54; גר 175); קראַקעט ער: פּאַרמאַראַקטעטער (שט 161). מיט אַ מער אָנגע־שטרענגטן ווערטער־סדר און ממילא מיט אַ מער קאָלאָמבורישער ווירקונג: (טוט אַ) שלוק ער: צוקער (גר 160), (זאָל זײַן מיט טויזנט) קעפּ ער: הינער־שלעפּער (שט 56).[16]

(ב) עס גראַמט זיך מיט ־עס וואָרט־אויס: איקאָנעס: קאָן עס (מק 66), עופֿות: קויף עס (גר 149), באַדאַרף עס: טרפֿות (גר 159). אַפֿילו אין פֿאָלקסליד: „מאַשע, מאַשע, ברוגזו / טאַכטערשי, וואָס טויג עס?״ (כּהן II 128).

(ג) מען גראַמט זיך מיט ־מען וואָרט־אויס: טאָר מען: קאָרמען (גר 169), פּזמון: איז מען (שט 68). עס טרעפֿן אויך גראַמען פֿאָנעטיש פּינקטלעכע אויף דער ענקליטישער פֿאָרמע

[15] זען מײַן אַרבעט וועגן גראַם (הערה 3).

[16] דער טיפּ פּשוטער צונויפֿגעזעצטער גראַם ווערט אויך אַרומגערעדט אין דעם איינציקן בוך וואָס איז אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער ייִדישער פּאָעטיק: ד. האָפֿשטיין און פֿ. שאַמעס, ליטעראַטור־קענטעניש (פּאָעטיק), ב׳ I, מאָסקווע, 1928, ז׳ 22.



פֿון מען, ד״ה ־ן, אין די דיאַלעקטן ווו מען געפֿינט די פֿאָרמע: פֿאַרוואָרפֿן: (דיאַלעקטיש) באַדאַרף׳ן (שט 142), קאַשטן: רעשט׳ן (שט 139), שלעכטן: שטעכט׳ן (שט 39).

(ד) דער גראַמט זיך מיט ־דער וואָרט־אויס: באַזונדער: (פֿאַר דער) זון דער (שט 177).

(ה) מער גראַמט זיך מיט ־מער וואָרט־אויס: ניטאָ מער: יאָמער (ס 178).

(ו) בעט גראַמט זיך מיט ־בעט פֿון אַרבעט: אַרבעט: שכר בעט (גר 146).

(ז) זשע גראַמט זיך מיט ־זשע וואָרט־אויס: הירזשע: איר זשע (שט 191), גיי זשע: דייזשע (שט 147), סטראַפּטשע: כאַפּט זשע (שט 102), וואָס זשע: (פּויליש) Boże (ס״יִג 158 א״וו).

(ח) זיך גראַמט זיך מיט ־עך, ־אַך וואָרט־אויס: מכּות־רצח: בעט זיך (ר׳ מרדכילע [טשעמערינסקי], ב I 253), פֿירט זיך: לא תרצח (שט 15; ס 126).

2. פֿולע פֿאָנעטישע מיטשטימונג אין דער אויסשפּראַך לכל־הפּחות פֿון טייל דיאַלעקטן. די פּאָעטישע שפּראַך ניצט דאָס אויס צו באַרײַכערן דעם גראַמען־פּאָטענציאַל — אַפֿילו דיכטערס וואָס זייער אייגענע אויסשפּראַך מאַכט ניט מיט די נטיה פֿון מיטשטימונג.

(א) אים גראַמט זיך אָדער מיט ־עם, אָדער מיט ־ים וואָרט־אויס. (אין ליטווישן דיאַ־לעקט איז אים זיכער אַ לעגיטימער גראַם אויפֿן וואָרטאויסלאָז ־עם; צי אויך אויף ־ים — איז ניט אַזוי קלאָר. אין דרום־מזרח איז דאַכט זיך דער חילוק צווישן אומאַקצענטירטן ־עם און ־ים ממילא נייטראַליזירט,[17] אַזוי אַז דער גראַם איז אויך אַ גוטער. אין מיטל־ייִדיש ווידער האָט דער אומאַקצענטירטער פּראָנאָם די פֿאָרמע ־ן, אַזוי אַז אַ גראַם מיט אים איז פֿאַרן פּויליש־ייִדישן דיכטער אַ ריין קאָנווענציאָנעלער.) אָטעם: האָט אים (מק 156), אָטעם: גאָט אים (גר 138), תּהילים: שטיל אים (גר 141־142), ווארעם: צער אים (גר 151), כּ״לה־קוש׳ אים: מלבושים (שט 185), וויי׳ז אים [דרײַ ווערטער!]: (דיאַלעקטיש) בעזעם (שט 41).

(ב) איך גראַמט זיך מיט ־עך, ־אַך וואָרט־אויס. דערויף איז פֿאַראַן אַ סמך דווקא אין ניט־ליטווישן ייִדיש. ווען שטיינבאַרג גראַמט למך: נעם איך (שט 170), איז דאָס גענוי לויט זײַן דיאַלעקט. ווען גראַדע גראַמט אָבער פֿאַרנעם איך: למך (גר 140), איז עס שוין פּאָעטיש קאָנווענציאָנעל, ווײַל אין גראַדעס ליטווישן ייִדיש איז אַזאַ גראַם ניטאָ. פֿ״גל אויך שניילעך: שייל איך (מק 97), וויל איך: מילעך (שט 14), אַזוי איך: מוח (שט 22), נעבעך: לעב איך (גר 143), דרך: הער איך (גר 152). אין פֿאָלקסליד: מלאך: פֿאַל איך (כּהן II 227).

(ג) מיר (מיטן טײַטש סײַ פֿון „לי״, סײַ פֿון „אַנחנו״), דיר, איר („לה״ און „אַתּם״) גראַמען זיך מיט ־ער וואָרט־אויס. נאַטירלעך איז דאָס אין מיטל־ און דרום־מזרח־ייִדיש, קאָנווענציאָנעל פֿאַר ליטווישע ייִדן. בײַ ניט־ליטווישע דיכטערס: צענעם מיר: עמער (מק 157; וועגן איגנאָרירן די פֿאַרטאָפּלונג פֿון קאָנסאָנאַנטן האָבן מיר שוין גערעדט), ריטער: טריט דיר (מק 95), מזמור: איז מיר (שט 217), נעם דיר: העמדער (שט 69), גיי דיר: קליידער (שט 185), מויז דיר: פּרוזדור (שט 165), זיכער: איך איר (מק 188). בײַ ליטווישע דיכטערס: הערט איר: ווערטער (גר 167), ווײַטער: זײַט איר (גר 137), טויט ער: הויט איר (גר 143), שנאָרער: קלאָר איר (גר 171). אַהער קען מען אויך צורעכענען גראַמען פֿון יענע דיאַלעקטן, ווו ־מער איז די ענדונג פֿון ווערב אין דער ערשטער פּערזאָן מערצאָל: האָ׳מער [האָבן מיר]: טאָמער (פּרץ 94), ביימער: שטיי׳מער (שט 161).

(ד) אײַך גראַמט זיך מיט ־עך, ־אַך. (נאָר אין טייל דרומדיקע דיאַלעקטן איז די פֿאָרמע פֿון פּראָנאָם אַזוי רעדוצירט.) דרך: שווער אײַך (שט 78), האַנטעך: דערמאַנט אײַך (שט 147), גייט אײַך: (דיאַלעקטיש) רעטעך (שט 49).

(ה) זי, זיי גראַמט זיך מיט ־זע, ־צע (נאָר אין טייל דרומדיקע דיאַלעקטן זײַנען די פּראָנאָמען פֿאַקטיש אַזוי רעדוצירט): דרייט זי: עצה (שט 19), רײַזע: אײַ זי (שט 53),

[17] פֿ״גל מײַן אַרבעט וועגן פּאָדאָליער ייִדיש (הערה 11), ז׳ 126.

*שיקסע: שיקט זי (שט 130), *קוקט זי: רוגזה (גר 160), שװאַרצע: אָפּ׳גע־װאָרט׳ זיי (שט 119), באַשיט זיי: אינקװיזיציע (גל״שי 81).

(ו) ניט גראַמט זיך מיט ־נעט װאָרט־אויס: זײַ ניט: טענהט (שט 192), שרײַ ניט: אײַנעט (שט 111).

(ז) דאַך גראַמט זיך מיט ־דעך װאָרט־אויס (אין דרום־מזרח־ און מיטל־ייִדיש): ס׳אי דאַך: שידוך (שט 158), שידוך: ייִד דאַך (גר 155; באַמערקן דאָס איגנאָרירן די קאָנסאָנאַנטן־פֿאַרטאָפּלונג).

(ח) דאָס גראַמט זיך מיט ־דעס װאָרט־אויס: אַזוי דאָס: סודות (שט 123).

**3. גראַמען, װאָס עס איז אַ ספֿק צי עס איז באמת פֿאַראַן אַ פֿאָנעטישע מיטשטימונג צװישן די גראַמגלידער אין װ ע ל כ ן עס איז דיאַלעקט.**

(א) איז גראַמט זיך (?) מיט ־עס, ־עז װאָרט־אויס. (דאָ רעדט זיך װעגן דעם װאָקאַל; אַז מען מעג גראַמען שטימיקע מיט אומשטימיקע קאָנסאָנאַנטן איז אַ פֿעסט אָנגענומענער כּלל אין דער ייִדישער פּאָעזיע.) רגעס: װעג איז (מק 118), װיי איז: פּאות (גר 145), שטים איז: בנעימות (גר 155), נע־ונד איז: װאָדיס (ס 75), פּסולת: װויל איז (שט 172), פֿרייד ס׳איז [דרײַ װערטער]: פֿלייצעס (שט 112), שיין איז: והשנית (שט 23), אינדיקעס: זינדיק איז (שט 19).

(ב) און גראַמט זיך מיט ־ען װאָרט־אויס: חלומען: שלום און (שט 115).

(ג) נאָר גראַמט זיך מיט ־נער װאָרט־אויס: (ניט) מער נאָר: הערנער (שט 175).

(ד) מין גראַמט זיך מיט ־מען װאָרט־אויס: אַזאַ מין: מאַמען (גר 173).

**4. גראַמען מיט בטבֿע אומאַקצענטירטע װערטער, װאָס זייערע װאָקאַלן זײַנען טאַקע אָפּגעשװאַכט און זײַנען נוטה צום סתם־װאָקאַל, אָבער זײַנען אַזוי װײַט ניט דערגאַנגען אין דער אָפּשװאַכונג. (מיט אַנדערע װערטער: זיי זײַנען ניט פֿולשטענדיק ענקליטיש.) די גראַמען זײַנען דעריבער ניט פּינקט־לעך אין קיין שום דיאַלעקט און זײַנען דער רעזולטאַט תּחילת פֿון פּאָעטישער פֿרײַהייט, און װען זיי בירגערן זיך אײַן — פֿון פּאָעטישער קאָנװענץ.**[18]

(א) װאָס און ־װעס װאָרט־אויס: הער װאָס: (דיאַלעקטיש) חרבֿות (שט 161), נאָר װאָס: באָרװעס (גר 142).

(ב) מוז און ־מעס: מקומות: אוי מוז (שט 230).

(ג) האָט און ־עט: אויך האָט: שוחט (י 97).

(ד) אָ און ־ע: דאָ־אָ: אליהו (ס 117).

(ה) דאָ און ־דע: װעלט דאָ: צעשטעלטע (מק 64; איגנאָרירטע קאָנסאָנאַנטן־פֿאַרטאָפּלונג!), שיכּור־שניי דאָ: עקידה: (דיאַלעקטיש) זע דאָ: געשריי דאָ: ביידע (מק 119), אָרט דאָ: מאָרדע (שט 206; איגנאָרירטע קאָנסאָנאַנטן־פֿאַרטאָפּלונג!), עקידה: װיי דאָ (ס 9).

(ו) דאָרט און ־דערט: באַגין דאָרט: געלינדערט (גר 171), [ה]אָלדערט: מאָל דאָרט (שט 154).

(ז) װוּ און ־װע: *בר־מצװה: איצט װוּ (שט 194).

(ח) װי און ־װע: סײַ װי: פּײַװע (גר 134).

---

* גראַמען װאָס אין זיי איז פֿאַראַן נאָך אַן אומפּינקטלעכקייט, אַחוץ דער אַרומגערעדטער, קומען מיט אַ שטערנדל אַפֿרײַער.

[18] די פּראָבלעם פֿון פֿולער און ניט־פֿולער ענקליזע האָט אין דער ר ו ס י ש ע ר פּאָעטיק אײן צײַט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. פֿ״גל:

Виктор Жирмунский, *Рифма, ее история и теория*, Ленинград, 1923, стр. 178-187.



(ט) ־צו, צו און ־צע: אַהינצו: שפּרינצע (שט 186), אַהינצו: הינט צו (שט 62), שװאַרצע: האַרץ צו (שט 47; איגנאָרירטע קאָנסאָנאַנטן־פֿאַרטאָפּלונג!).

(י) נו און ־נע: װילנע: װיל, נו (שט 82).

(יא) אויף און ־עף, ־עװ: חלף: זאָל אויף (מק 112), שטראָל אויף: חלף (גר 139), מיש אויף: יִשובֿ (גר 171), *ונתנה־תּוקף: אויג אויף (שט 60).

(יב) גיין און ־גען: שטאָנגען: (דיאַלעקטיש) אײַנגיין (מק 65), *בענקען: אַליין גיין (מק 95).

(יג) אויס און ־עס: עדות: גייט אויס (מק 100), כװאַליעס: שאָל אויס (מק 127), כמאַרעס: צער אויס (מק 132).

(יד) אָן און ־ען: (פֿון) לאַנג אָן: זאָנגען (מק 107), שטום אָן: קומען (מק 109).

(טו) אום און ־עם, ־ים: משוגעים: אַזוי אום (מק 127).

**אַ באַזונדערע אונטערגרופּע זײַנען די גראַמען װוּ דיכטערס פֿאַרן צונויף אַ טראַפֿיקן קאָנסאָנאַנט מיט אַ טראַף װוּ עס איז פֿאַראַן אַ װאָקאַל, הגם אַן אָפּגעשװאַכטער:**

(טז) װעל און ־װל: (דיאַלעקטיש) הבֿל: איי, װעל (שט 124).

(יז) דען און ־דן: לאַכט דען: פּחדן (שט 94).

(יח) שוין און ־שן: *קוישן: גיי שוין (מק 156), הירשן: מיר שוין (מק 120), אַזוי שוין: קוישן (גר 170), אויסגעברענט שוין: מענטשן (גר 154), בזה־הלשון: גראָ שוין (שט 175).

(יט) טאָן, טון און ־טן: *אַהינטאָן: אינדן (מק 125), װינטן: אַהינטאָן (מק 128), זײַטן: שפּײַ טאָן (שט 71), טרייסטן: בייז טאָן (גר 149).

(כ) פֿול און ־פֿל: װייפֿול: הייפֿל (גר 158), בלײַ פֿול: פּײַפֿל (גר 32).

(כא) ־של־ [ד״ה „שעל״] און ־של: אָך־קוצל: קוצו־של־(יוד) (שט 237). אַז דאָס איז נאָר אַ שפּילערײַ איז קלאָר פֿון דעם, װאָס מיט עטלעכע זײַטן װײַטער גראַמט שטיינבאַרג דעם ־של־ אויף ־על: צעשטעל: קוצו־של־(יוד) (שט 239).

(כב) גיין און ־גן: װעגן: אַװעקגיין (מק 69).

(כג) בין און ־בן: פֿרײַ בין: בלײַבן (מק 102).

(כד) אָן און ־ן: הויכן: בויד אָן (מק 108), איילן: (דיאַלעקטיש) זעל אָן (מק 118).

**5. גראַמען, װוּ דער װאָקאַל אין שװאַך אַקצענטירטן װאָרט איז לגמרי ניט רעדוצירט.** זיי זײַנען פּשוט פֿאַרטראַכט װי אומפּינקטלעכע גראַמען, און שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם גרענעצפֿאַל פֿון אונדזער קאַטעגאָריע. ספּעציעל אָפֿט זײַנען זיי, דאַכט זיך, בײַ חיים גראַדען. למשל: (אויף דאָס) נײַ גייט: פֿאַרדאגהט (גר 169); *געװיין אין קול: אייניקל (גר״מ 79); װענט פֿיר: ענטפֿער (מק 66).

דער צונויפֿגעזעצטער גראַמגליד באַשטייט אַ מאָל אַזש פֿון דרײַ װערטער. װוּ איינס פֿון די דרײַ פֿאַרנעמט אַליין קיין טראַף ניט (ס׳=עס, ׳ז=איז), מאַכט דער גראַמגליד דעם אײַנדרוק פֿון אַ צװייװערטערדיקן: פֿ״גל די שוין צי־טירטע פֿרייד ס׳איז: פֿלייצעס (שט 112), װיי׳ז אים: (דיאַלעקטיש) בעזעם (שט 41), אד״גל. אָבער װוּ קיין װאָקאַל פֿאַלט ניט אַרויס און דער גראַמגליד קלינגט בפֿירוש װי דרײַ װערטער, איז דער גראַם אַזוי װוּנדערלעך קונציק, אַז ער קען משמעות קיין ערנצטע צװעקן ניט דינען: ער בלײַבט ריין קאַלאַמבוריש. דער גרעסטער בעל־המצאה אין דעם פּרט איז געװען אליעזר שטיינבאַרג, װאָס ער גראַמט צעשאַר איך עס: הצטרכות (שט 91), פּנחס: געפֿין איך עס (שט 126), השתּפֿכות: כאַפּ איך עס (שט 240).